# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Der neyer "Seyfer ha-drosheṡ"

a bukh fir ale Iden ; enṭhalṭ ariber hunderṭ drosheṡ

Sefer Be-reshit - parashot Ṿa-yera, Ḥaye Śarah


**Shṿemer, Shemuʾel**
**שוועמער, שמואל**



**Iaşi, 1937**


Rückdeckel


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-4437**



Visual Library

# א טיפ פון א אידישן פילאנטראפ.

פאראהן מענשען וועלכע צייכנען זיך אויס אויף פארשידענע געביטען, זעלטען איז אבער צו געפונען א מענש וועלכער זאל האבען די אמביציע זיך אויסצוצייכנען אויפ'ן פילאנטראפישען געביט.


ה' שמואל וואלדמאן

איינער פון די וועלכע האט ענטוויקעלט דעם נעדראנק צו פאראייביגען זיין נאמען דורך פילאנטראפישע מעשים, איז דער בעקאנטער פילאנטראפ פון אונזער שטאט ה' **שמואל וואלדמאן** ווען איהר קומט אריין אין בהכ"נ זיסו הערמאן דערזעהט איהר באלד אויף דער וואנד א מארמארנים טאפעל, אויף וועלכען די בעלי בתים פון דיזען בית המדרש דרוקען אויס אין א שעהן עבריאישע שפראכע זייער דאנקבארקייט צו ה' **שמואל וואלדמאן** פאר זיין ארובער 35 יאריגער טיטינקייט אין דיזען בהמ"ד וועלכעם ער האט באפוצט און באשעהנט אויפ'ן הויכסטען גראד, ווען איהר געהט דורך דאס אידישע שפיטאל, דערזעהט איהר א נייעם פליגעל מיט אלע מאדערנעסטע כירורגישע איינריכטונג אויף וועלכערס וואנד עס שיינט א מארמור מיט גאלדענע אותיות **שמואל וואלדמאן** און זיין פערשטארבענע פרוי **שרה רבקה** ע"ה, ווען איהר בעזוכט דעם אזיל (מושב זקנים) דערבליקט איהר תיכף בעטליך מיט אלע באקוועמליכקייטען און דער נאמען **שמואל וואלדמאן** גיט א בליסק פאר אייערע אויגען, ווען איהר געהט דורך די נאס ק' נעגרי, דערזעהט איהר א מארמור איין געמויערט אין א שטאקיגען פאלאט אויף וועלכען עס איז ווידער מיט גאלדענע אותיות אויף געשריבען דער נאמען **שמואל וואלדמאן** וועלכער האט דיזען פאלאט געשענקט דעם יאסער שפיטאל און דעם יאסער בית היתומים. דיזער פילאנטראפ האט זיך אבער נישט בעגנוגט מיט דעם אליין זיין פילאנט־אפישער נייסט האט א שוועב געטאן ביז אין לאנד פון אונזערע אבות וואו עס ווערט איצט געבויעט אויף זיינע קאסטען א סאשעע וועלכע וועט נעווים אויף זיך טראגען דעם נאמען **שמואל וואלדמאן**, און מי יודע וואס פיר א פילאנטראפישע פלענער עס איז נאך פאראהן אין זיין מח און אין זיין הארץ. דער נאמען **שמואל וואלדמאן** איז ווערט ער זאל דערמאנט ווערען אויך אין מיין „ספר הדרשות" פאר וועלכען ער וועט נעווים שפענדען א סומע וועלכע זאל מיר פארגרינגערען צו ענדיגען דיזען וויכטיגען ספר אויף גאנץ תורה, וועלכער וועט זיין א אוצר אין יעדען אידישן הויז.